פֿולע טאַבעלע פֿון דער מלוכה-לאָטעריע זעה 4. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

היינט 24 זייטען

פּרייז 30 גראָשען

# נייער פֿאָלקסבלאַט

| № 140 | Łódź, Piątek, 17 czerwca 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פֿרייטאָג, י״ג סיון תרצ״ב | № 140 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71



## פּאַרק לאַנגובעק

(לאַנגערס פּאַרק) צופֿאָהר מיטן ראַדאָגאָשטשער טראַמוויי מאָרגען, **שבת**, דעם 18-טען **יוני** ה. י. 2 **נאָכמיטאָג** קומט פֿאָר

## אַ גרויסע גאַרטען-פֿערווײַלונג

## פּאַרק לאַנגובעק

פּראָגראַם: קאָנצערט - טייל פֿון „שטערן“-אָרקעסטער. אויפֿטריט פֿון אַרטיסטען. פֿראַנצויזישע פּאָסט. בענגאַלישע פֿייערן. כינעזישער קיאָסק. אַ ספּעציעלע עסטראַדע צום טאַנצען. קאַרוזעלע. פֿערשידענע פֿרעהליכע סורפּריזען און אַטראַקציעס. איינגענער ביליגער בופֿעט. — בילעטען צו 75 גראָשען (פֿאַר קינדער און שילער 50 גר.) צו בעקומען אין די פּראָפֿ. פֿעראיינען בזשעזשינער 5 און ב. יאָסעלעוויטש 16 און אין דער באַראַכאָוו-ביבליאָטעק, אל. קאָשטשושקי 9 און ביים אַריינגאַנג ביי דער קאַסע פֿון פּאַרק

---

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פֿון 79 יאָהר אונזער הייסגעליבטער פֿאָטער, שוויגערפֿאָטער, גרויספֿאָטער, ברודער און שוואָגער

## נ״ע ישראל יחזקאל בן ר׳ ראובן פֿוקס

די לויה קומט פֿאָר היינט, פֿרייטאָג, דעם 17-טען יוני ד. י., 1 אַ זייגער בייטאָג פֿון טהרה-הויז, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער אַלע קרובים, פֿריינד און בעקאַנטע די אין טיפֿען טרויער פֿערבליבענע

3799 — טעכטער, זיהן, שנור, איידעמס, איינינקלעך און פֿאַמיליע.

---

## ASEKURACJA - פֿערזיכערונגען

פֿון פֿאַבריקען געגען פֿייער. אַלער אַרט **סחורה-לאַגערן**

געגען פֿייער און גנבה.

## וואוינונגען געגען פֿייער און גנבה

ווי אויך טראַנספּאָרט-פֿערזיכערונגען פֿיהרט אויס רעיעל און פּינקטליך אויף גינסטיגע בעדינגונגען

## מרדכי חיים רומקאָווסקי

### קילינסקיעגאָ 105, טעל. 112-50.

2661

---

בלב מלא צער ויגון אנחנו מודיעים את פטירת עטרת ראשינו שאחרי מחלה ארוכה נפטר בשנת מ״ח לימי חייו האיש הישר באדם עסק כל ימיו בתורה ובעבודה החסיד מה״ו ר׳

## אליעזר בה״ר מרדכי יוסף הכהן ז״ל פֿאַבריקאַנט

הלוי׳ תהי׳ היום ביום ו׳ עש״ק נשא ב׳ ממעונו שרודמיעסקא 58 (נ. ציגעלנ.) בשעה 11.30 אהה״צ המשפחת המתאבלת

---

## פֿאַר גאָלד,

## בּיזשוטעריע און

## לאַמבאַרד-קוויטעס

צאָהלט די העכסטע פּרייזן

## איזידאָר פּיאַלקאַ

פּיעטריקאָווער 7. 6203

---

## בעקאַנטמאַכונג.

דער בעוואוסטער ערשטער כשר׳ער

## פּענסיאָנאַט אין פּאַדעמביע

## „ELIDA“

איז איבערטראָגען געוואָרען אין דער ווילע גראַנד אײַנגעריכטעט לויט די לעצטע מאָדערנסטע פֿאָדערונגען, על עקטרישע ליכט, וואַסער-ליימונג, וואַנעס, טעלעפֿאָן, ראַדיאָ א.ד.גל. — ערשטקלאַסיגע קיך. צוגענגליכע פּרייזען. — אינפֿאָרמאַציעס: טעל. Tuszyn Nr. 2

3763 אינה. שמאַי לובינסקי.

---

## פּעלאַ וויינטרויב
## יודעל זיסמאַן

### האָבען תנאים געשריבען

לאָדז, אין יוני 1932

אונזער ליבען ברודער, שוואָגער און שוועגערין צו דער פֿערלאָבונג פֿון אייער ליבע טאָכטער

### פּרל, פּעלאַ

### מיט ה׳ יודעל זיסמאַן

ווינשען מיר אייך אַ הארציגען מזל-טוב און איהר זאָלט דערלעבען פֿון זיי פֿיל נחת. — דעם יונגען פּאָר ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפֿט.

מאַרקוס פֿיימאַן און פֿאַמיליע

פּינקוס וויינטרויב און פֿרוי

### בברכת מזל-טוב

אני מברך את ש״ב מר

## ירחמיאל וינטרוב ורעיתו

לארישת בתו

מרת **פיגה** עם מר **יהודה זיסמן**

יהי דרכם סוגה בשושנים.

פנחס וינטרוב.

6203

---

מיר בעגריסען הארציג אונזער ליבען ברודער, שוואָגער, שוועגערין, פֿעטער און מוהמע

## מרדכי און דבורה׳לע סענדעראָוויטש

צו די תנאים פֿון זייער טאָכטער

### טאָבּשע סענדעראָוויטש מיט ה׳ דור איצקאָוויטש

חתן כלה, ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפֿט.

רוזשאַ פֿרידמאַן און קינדער
פֿיניע סענדעראָוויטש און פֿאַמיליע
הערשל סענדעראָוויטש „ „
יאַקוב סענדעראָוויטש „ „
נתן זאַקס „ „
לייזער מלך אַפּטייקער „ „
יוסף ברייער „ „
מענדל בזשוסטאָווסקי „ „

בזשעזשינע - איזערס, אין מאַי 1932. 3815

---

## החברה

## „בית-המחסה לילדים עברים והחוה בהלנובק“

(מחוז ראדוגושטש) הלשכה: לודז, פומורסקא 41a, תלפון 179-12

ביום ראשון, ט״ו סיון ש. ז. (19VI) בשעה 2 אחר הצה״ר תערך בבית-המחסה והחוה בהלנובק

## חנכת-החממה

נדבת ה״ה אברהם ורעיתו הדסה פיאסקובסקי,

חברי הועד של מוסדנו. הועד:

---

## אַלע זומערוואוינונג

וואָס פֿאָהרען אויף

קויפֿען עכטע גוטע און כשר׳ן

## ווײַן

צו די ביליגסטע פּרייזען

### צו 65 און 75 גר. פֿאַר 1/4 ליטער

ביי דער לאַנגיעהריגער בעוואוסטער פֿירמע

## „באַרון“

אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאָדז

### 30 נאָוואָמיעסקאַ 30

טעל. 210-58

---

## אַנאָנסען אין נייעם פֿאָלקסבלאַט

### האָבען גרעסטען ערפֿאָלג!

---

## אַכטונג!

דער ניי-רעמאָנטירטער און לאַנג עקזיסטירנדער

## דאַמען- און הערן-

## פֿריזיר-סאַלאָן



## 3 פּאָמאָרסקאַ 3

איז ווייטער טעטיג און ווערט אָנגעפֿיהרט פֿון ערשטקלאַסיגע פֿאַכלייט. ערשטקלאַסיגער מאַניקיר. ערמעסיגטע פּרייזען. סאָלידע בעהאַנדלונג.

מיר עמפּפֿעהלען זיך ווייטער דער געעהרטער קונדשאַפֿט מיט אַכטונג

**Sewek Fernenbok**

---

די ניי-ערעפֿענטע

## פּאַרפֿומעריע

## BUCHWAJC i ROTENBERG

Sp. z o. o.

### 11 ליסטאָפּאַד 13 (קאָנסטאַנטינער)

בעזיצט אויף לאַגער אַ גרויסען אויסוואהל פֿון פֿערשידענע

## קאָסמעטיק

צו צוגענגליכע פּרייזען. — רעיעלע בעהאַנדלונג!

# אוי, דאָס קליי־נע פּינטעלע!...



פּאַציענט א סוחר (צום דאָקטאָר). פּאַניע דאָקטאָר! דערבאַרעמט איך, נעמט מיר אַראָפּ די בלאַנע פון אויג, אפשר וועל איך דאָך זעהען... א גראָשען פאַר די אויגען!...

## היטלער — ביסמאַרק'ס יורש

זאָג מיר, ווי וואָלט מען גערופן היטלערן, ווען ער וואָלט זיך ערקלערט אַלס יורש פון ביס־מאַרקס פּאָליטיק?...

— ביסמאַרקאַטש.

## וואו תורה איז חכמה
### ווי אזוי פון צוויי יודען איז געוואָרען א מנין

צוויי לאָדזער פּויזנער פּאָהרערס זענען געקומען אין אַ קליין שטעטעל אין פּאָמערן. זיי האָבען געוואָלט דאַוונען מנחה, און אין ערגעץ האָבען זיי נישט געהאַט קיין מנין.

— האָב נישט קיין עגמת־נפש — האָט איינער געזאָגט צום צווייטען — מיר וועלען זיך געבען אַן'עצה — מיר האָבען שוין אַ מנין.

— ווי אַזוי?

— אָט ווי אַזוי: דו און איך — זענען מיר צוויי: איך און דו — זענען מיר שוין פיר. איך אַליין און דו אַליין — איז זעקס, מיר ביידע זענען אַכט, טאָ וויפיל פעהלט אונז נאָך? צוויי? נו, איז דאָך מיט אונז ביידע פונקט דאָ אַ מנין...

## די „שווערע בערטע“
### מאַרק אַרנשטיין באמבאַרדירט „סקאַלאַ“.

ווי מ'שמועסט אין די טעאַטער־קרייזען, האָט מאַרק אַרנשטיין אַראָפּגעבראַכט קיין לאָדז די „שווערע בערטע“, מיט וועלכע ער וויל איינגעהמען די פעסטונג „סקאַלאַ“.

ווי מיר הערען, וועט די אַרמעי פון גאַרד־טאָוויטש 20, עפענען אַ קרייץ־פייער — זאָל זיין פרעהליך ביי יונגען!...

## אַ לאָדזער סקראַמנע ווייבעל
### אויף דער פּליאַזשע

אויף דער פּליאַזשע, ווענדעט זיך אַ לאָדזער ווייבעל צום אויפזעהער:

אין מיין קאַבינע האָבען זיך אַריינגעכאַפּט צוויי מאַנסליַיט. זייט אַזוי גוט און וואַרפט זיי אַרויס.

## איהר טרויער, נעבעך!...

הע, מאַדאַם פּלירשאַרסקא, נאָך וועמען טראָגען זי „זשאַלאָבע“?

— נאָך מיין מאַן.

— וואָס? דער אַלטער איז שוין געשטאָרבען?

— פאַרקעהרט — ער לעבט...

## שרעקליכע צייטען

צוזעהענדיג פון אַ לויה, זאָגט איין יוד צו אַנדערען:

כ'ווייס גאָרנישט, וואָס ס'טוט זיך היינט אויף דער וועלט. היינט שטאַרבען אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אַמאָליגע צייטען נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס טויט!...

## א זייגער, וואָס פערשפּעטיגט זיך

פרוי (צום מאַן): וואָס זאָגסטו נישט צו אזא גליק? מיין מאַמע איז היינט געווען ביי אונז צו גאַסט. ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, איז פון דער וואַנד אַראָפּגעפאַלען דער שווערער וואַנד־זייגער. ווען ער פאַלט מיט אַ האָר ווייטער, וואָלט ער די מאַמע געטראָפען אין קאָפּ אַריין.

מאַן: יאָ, יאָ, אזא פּאַסקודנע קלאָץ — אייביג מוז ער זיך פערשפּעטיגען.

## א בעלעזענער

— ווי איך זעה, האָט איהר אַ סך געלעזען אין אייער לעבען.

— אָ יאָ, כ'האָב אַ טבע צו לייענען, ווען מיין ווייב מאַכט זיך די פריזור.

## ווי ס'גענמיט אזוי ס'געשלייער
### אונטערגעהערט ביי אַ פּראָבע אין „פילהאַרמאָניע“

בעת אַ גענעראַל־פּראָבע פון אַ קאָמעדיע אין „פילהאַרמאָניע“, האָט איינער פון די אַרטיסטען ביי דער קאָמישסטער סצענע פלוצלונג געמאַכט אַ זויערע מינע.

— וואָס טוט זיך מיט אייך? — האָט איהם געפרעגט דער רעזשיסער — ביי אַזאַ קאָמישע סצענע מאַכט איהר אזא טרויעריגע מינע?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָט דער אַרטיסט געענטפערט — אַז כ'דערמאָהן מיך פון מיין גאַזשע, געהט מיך אַפילו ביי דער קאָמישער סצענע אויך נישט אָן קיין געלעכטער!

## זי דאַרף נישט מורא האָבען

זי הערען, גילרענע, זייט מיין מאַן איז געשטאָרבען, אַז ס'קומט 12 ביינאַכט האָב איך מורא, אַז מיין פערשטאָרבענער מאַן זאָל זיך מיר נישט באַווייזען.

— גייען זי שוין. ס'איז אַן איבעריגע שרעק — ער איז דאָך קיינמאָל נישט אַהיימגעקומען פאַר 4 פאַרטאָג.

## ער איז אַן'ארענטליכער מענש
### טאָ זאָל ער בענען געזונדערהייט...

ערקלער מיר איין זאַך: מיט 2 וואָכען צוריק איז געווען אַ פאַבריק־שרפה, האָבען אַלע שכנים געהאָלפען לעשען, און נעכטען איז געווען אַ פאַבריק־שרפה, האָט קיינער קיין פינגער נישט צוגעלעגט ביז די פייערלעשער זענען געקומען — מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס?

גאָר פשוט: דער צווייטער איז אַן'אָרענטליכער מענש, און דער ערשטער האָט אַ סך ... אים.

## אויף די „בראַנזשע“
### לעבט איבער אַ קריזיס

וואָס איז די מעשה, וואָס לעצטענס הערט מען נישט פון שטיינאַכען און נישט פון וואַרשאַווער?

— ס'איז אַ קלאָרע זאַך! ווער וויל זיך עס היינטיגע צייטען פערלענגערען די יאָהרען!

## לאָדזער קינדער
### דער רבי און דער תלמוד

— זאָג מיר, משה'לע, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בעל־חוב?

אַ בעל־חוב, דאָס איז אַזאַ משוגענער, וואָס גלויבט, אַז ער וועט אָפּקריגען אַ חוב.

## היינטיגע מענער, מ'שטיינס־געזאָגט!...

הער (צו דער דינסט): ווייסטו נישט אַמאָל, סטאַשאַ, וואוהין די מאַדאַם פאָהרט היי־יאָהר אין באָד אַריין?

דינסט: קיין קריניצע.

הער: ווייסט נישט, צי זי וועט מיך אויך מיטנעהמען?

## אין געריכט

ריכטער (צום אָנגעקלאָגטען אין אַ גנבה): פאַרוואָס האָט איהר אַ חוץ דעם קויש מיט זעמעל, אויך צוגע'גנב'עט 100 זל.?

גנב: פּאַניע סענדזשע! פון בלויז ברויט קען מען נישט לעבען...

—=):0:(=—

הומאָר • סאַטירע •

# דער קונדס

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 140 — פרייטאָג, דעם 17 יוני 1932

## ער דאָ — זי דאָרט, און דער קאָנסול אינדערמיט...

מענער פון אמעריקאַנער בירגערינס וועלען פריינע׳ אָט קיין אמעריקא אויפער דער קוואָטע (פון דער פּרעסע)




פּוילישער יוד (צו זיין בעשערטער אויף יענער זייט ים): נעם מיך מיין טייערע ליבער, וואָרום דער קריזיס אין פּוילען דערשטיקט מיך!

אמעריקאַנער בירגערין (צו איהר בעשערטען אין פּוילען): דערבאַרעם דיך, לאָז מיך צו דיר קיין פּוילען, וואָרום דער קריזיס אין אמעריקא מאַכט פון מיר אַ תל!

אמעריקאַנער קאָנסול (צו ביידע): כאַפּט נישט! ס'איז נישט קיין לאָקשען! קודם־כל דאַרף מען זעהען דעם רח"ש!...





אויבען: בילדער פון דער שטאָט קיסטרין (דייטש־לאַנד), וועלכע פייערט איהר 700 יעהריגען יוביליי.

אונטען: דער האָטעל ביים סטאַריאָן פון לאָס אַנ־דזשעלעס, וואו עס וועלען וואוינען די פרוי׳ען־אַנטייל־נעהמערינס פון דער אָלימפּיאַדע.



באָמבעס אויף בערלין: אין דער אַנוועזענהייט פון אַ האַלבען מיליאָן מענשען איז אויפ׳ן בערלינער פליה פלאַץ טעמפּעלהאָף פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער אינטער־נאַציאָנאַלער פליה־טאָג.



אויבען לינקס: אַ בילד פון די גרויסע ענגלישע פער־ד - געיעגען (הערבי אין עפּסאָם)



אינדערמיט: דאָס זיגערישע פערד „אַדריאַ״ (פון פאַר־רענט) אויף די פערד־געיעגען אין בערלין





אינדערזייט לינקס: צום רעגירונגס־קריזיס אין רו־מעניען: לינקס: רומענישער באָטשאַפטער אין לאָנ־דאָן, טיטולעסקו, בילדעט די נייע רעגירונג, רעכטס: דימיסיאָנירטער פּרעמיער פּראָפעסאָר יאָרגאַ.





אונטען לינקס: בילדער פון די שרעקליכע קאַמפען צווישען די אינדוסען און מאַכמעדאַנער אין באָמביי



פיהרער פון די רעוואָלוציאָנערען אין פאַנאַמאַ (רע־פּובליק אין מיטעל־אַמעריקא), איצט פּרעזידענט, האַרמאָדיאָ אַריאַס.







אויבן רעכטס: שווערע באַהן־קאַטאַסטראָפע בײ אונא (וועסטפאַל׳ען. דײטשלאַנד).

אויבן אינדערמיט: צו די בלוטיגע געשעהענישן אין בערלין. פאָליצײ־קאָדראָן פערהאַלט אַ דעמאָנ־סטראַציע פון די היטלעראָווצעס.

אינדערזײט רעכטס: מאָדערנע סטאַרט־ראַמפּע פאַר אַעראָפּלאַנען.

אונטען רעכטס: אַ נײער טיפּ אַעראָפּלאַן פון די יונ־קערס־פאַבריקען: די קאַבינעס געפינען זיך אין די פליגלען פון אַעראָפּלאַן.

אינדערמיט: סטאַטוע פון שוועדישען קעניג גוסטאַוו אַדאָלף, וועמענס יובילעי ווערט הײיאָהר געפײערט.













אויבן לינקס: אין וואַרשאַ איז פײערליך אין דער אַנוועזענהייט פון מלוכה־פּרעזידענט ( ) געעפענט געוואָרען דער ראַדיום־אינסטיטוט אויפ׳ן נאָמען פון דער בערימטער פּוילישער געלעהרטער פּראָפ׳ קיורי־סקלאַדאָווסקאַ ( ) די ענטדעקערין פון ראַדיום.

אונטען אינדערמיט: לופט־קאַטאַסטראָפע מיט צוויי פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון דער שיף „זשאַרזש פיליפּאַר״. לינקס: — דער פּילאָט פון אַעראָפּלאַן געלעפט. רעכטס — די חורבות פון אַעראָפּלאַן.

אינדערזײט לינקס: חתונה פון אַבעסינישען קרוינ־פּרינץ נאָך זײן צוריקרײזע פון אײראָפּאַ.

אונטען לינקס: בעזוך פון דײטשע קריגסשיפען אין האַפען פון שטאָקהאָלם









